בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' | מקץ | כ"ב כסליו | תשע"ב | מגילה: ב:

# באריכט:

## שבת שבע ברכות העעל"ט בצל הקודש

א שיינעם שב"ק של שמחה איז אפגעראכטן געווארן בצל הקודש אין וויליאמסבורג ליל שב"ק.

צו קבלת שבת איז צוגעגאנגען צום עמוד הר"ר אלישע הורוויץ שליט"א פון קרית יואל, און נאכ'ן דאווענען איז דער ציבור אדורך לברכת גוט שבת ביי מרן רבינו שליט"א.

ארום 9:30 איז דער רבי שליט"א ערשינען צום שלחן הטהור אין ביהמ"ד הגדול, ווי מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יודא הורוויץ שליט"א בן האדמו"ר מ'מעליץ שליט"א, און מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יעקב הורוויץ שליט"א בן האדמו"ר מ'מעליץ שליט"א.

מיר האפן נאכצופאלגן מיט די תוכן דברות קודש פון די תורה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף דוד שנעעבאלג שליט"א ראש הכולל דברי יואל אין בארא פארק חתן האדמו"ר מ'מעליץ שליט"א, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען דער זיידע האדמו"ר מ'ראחוב שליט"א און דאן האט דער רבי שליט"א מכבד געווען דעם זיידע'ן האדמו"ר מ'מעליץ שליט"א מיט די שבע ברכות.

מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר אהרן שליט"א בן הרה"צ אב"ד דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א, און דערנאך איז דער בדחנא דמלכא הר"ר מרדכי דוד עסטרייכער הי"ו ארויף אויפן טיש ווי ער האט אויסגערופן דעם רבי'ן שליט"א צו די ריקודין של מצוה וועלכער האט נאכגעפאלגט מיט א געהויבענעם פארנעם.

נאכ'ן מכבד זיין די זיידע'ס און מחותנים שליט"א צו טאנצן מצוה טאנץ האט מען געטאנצן אז ביום השביעי מיט וועלכער דער געהויבענער טיש איז געקומען צו אן ענדע.

שב"ק בייטאג האט האדמו"ר מ'מעליץ שליט"א געדאווענט מוסף פאר'ן עמוד, און נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יחזקאל מויזקאפף הי"ו פון וויליאמסבורג.

די תוכן דברות קודש פון סעודת רעווא דרעווין וועט אי"ה נאכפאלגן.

ביי שלש סעודות האט דער רבי שליט"א מכבד געווען אחיו הרה"צ שליט"א מיט ברכהמ"ז און דערנאך האט דער רבי שליט"א געזאגט די שבע ברכות.

מוצש"ק ארום 9:30 איז דער רבי שליט"א געגאנגען צו יראים טשאפעל אין וויליאמסבורג צו די לוי' פון המנוח הרה"ח המרומם ר' זלמן ליכטמאן ז"ל ראה"ק דקהלתינו אין בארא פארק וועלכער איז דעם פארגאנגענעם מוצש"ק נפטר געווארן ל"ע אין עלטער פון 86 יאהר.

דער רבי שליט"א האט מלוה געווען דעם ארון ביז צו די אויטא וועלכער האט געפירט דעם נפטר אויף בארא פארק ווי עס איז פאהרגעקומען די לוי' פארנט פון בית מדרשינו הגדול.

***-ובלע המות לנצח-***

פון דארט איז דער רבי שליט"א תיכף געפאהרן צום ניו יארק סטעיט ארמארי אין די קראונהייטס געגנט צום גרויסארטיגן מעמד האדיר כ"א כסלו ווי עס וועט אי"ה דעטאלירד באריכטעט ווערן.

נעכטן - זונטאג אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד אבני צדק בשכונת עצי התמרים ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ליפא פריעדמאן הי"ו, פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל ב"ר מרדכי לייב ראטה הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א איז ערשינען צום סעודה לרגל כ"א כסליו וועלכער איז געפראוועט געווארן דורך די תלמידי הישיבה הגדולה אין די זאלן פון קרן ויואל משה, ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש לרגל המאורע.

## רבינו שליט"א משתתף ביים שבע ברכות אין קהלתינו הק' מאנסי לכבוד הגה"צ אב"ד קהלתינו שליט"א

נעכטן אויפדערנאכט האט דער רבי שליט"א זיך באטייליגט ביים שמחת השבע ברכות לכבוד די שמחה בבית הגה"צ אב"ד דקהלתינו מאנסי שליט"א וועלכע'ס איז פאהרגעקומען אין בית מדרשינו הגדול אין מאנסי צוגעשטעלט דורך די קהלה.

ווען דער רבי שליט"א איז ערשינען צו די שמחה האט מען ספאנטאן אויסגעבראכן אין א רקידה אויף "חסדי ה' כי לא תמנו" און דערביי האט מען געטאנצן א לענגערע צייט.

דער רבי שליט"א האט ביי די שבע ברכות משמיע געווען דברות קודש לכבוד די שמחה, און נאכ'ן בענטשן האט דער רבי שליט"א געזאגט די שבע ברכות.

נאך די שבע ברכות האט דער רבי שליט"א באזוכט דעם נארוואס פארענדיגטן היכל התורה שע"י קהלתינו הק' און דערביי מאציל געווען ברכת קדשו פאר עסקני וראשי קהלתינו הק'.

היינט מיטאג האט דער רבי שליט"א טעלעפאניש מנחם אבל געווען הגה"צ מ'טשאקאווע שליט"א פון ארה"ק וועלכער זיצט שבעה נאך א ברידער ל"ע.

# אלפי אנשי שלומינו אנגעהויבן מס' מגילה במסגרת חבורת יסודי התורה

נעכטן – זונטאג האבן טויזענטער אנשי שלומינו חברי קהלתינו פון איבער דער גארער וועלט, אנגעהויבן מיט התחדשות דקדושה די פרישע מס' – מסכת מגילה – אין די ראמען פון חבורת יסודי התורה וועלכער איז געגרינדעט געווארן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א אום ל"ג בעומר בשנת תשס"ו לפ"ק און האלט אצינד ביי די עלעפעטער מסכת – כן יעזרו ה' להלאה.

די הנהלות התאחדות אברכים דקהלתינו הקדושות ארבעטן אין די טעג איבערמידליך צוצושטעלן פרישע שיעורים ברבים און חברותות פאר אנשי שלומינו זיך צו קענען משתתף זיין און ציילן צווישן די אלפים לומדי וחברי החבורה.

***-כי הם חיינו ואורך ימינו-***

# מעמדי כ"א כסליו בקרב קהלתינו הקדושות

אין די זעלבע צייט וואס טויזענטער אנשי שלומינו האבן בראשות מרן רבינו שליט"א געפראוועט דעם יו"ט כ"א כסלו און שמחת התורה – סיום מס' פסחים אויף א געהויבענעם פארנעם, האבן אנשי שלומינו פון די ווייטערער ערטער אויך געפראוועט דעם טאג אויף א הערליכען פארנעם.

## מאנטריאל

א גאר געהויבענער מעמד כ"א כסליו וסיום מס' פסחים - אין ראם פון חבורת יסודי התורה, איז נעכטן - זונטאג אפגעהאלטן געווארן בקהלתינו הק' אין מאנטריאל יצ"ו בבית מדרשינו המפואר בית שמואל בנימין, וועלכע איז הערליך שיין צוגערישט געווארן דורך דעם געטרייען איבערגעגעבענעם משמש האברך החשוב מו"ה פישל סופר הי"ו, צו קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור אנשי שלומינו תושבי מאנטריאל הי"ו.

דער מעמד איז באשיינט געווארן מיטן השתתפות פון גדולי רבני עיר מאנטריאל, הגה"צ גאב"ד דקהלתינו הק' שליט"א, הגה"צ רבי יונתן בנימין ווייס שליט"א גאב"ד מאנטרעאל, הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא, ודומ"ץ סקווירא-מאנטרעאל, הגה"צ רבי אהרן האגער שליט"א אבדק"ק וויזניץ-מאנסי מאנטריאל, הגה"צ ר' מנחם מענדל ווערצבערגער שליט"א דומ"ץ דקהלתינו הק', הגה"צ רבי אברהם שלאגער שליט"א אב"ד בוקאשעוויץ וראה"כ תו"י דרב"י דסאטמאר, און נאך.

מיט פתיחת המעמד האט אנגעהויבן הרה"ג רבי מרדכי צבי גאלדמאן שליט"א, גבאי נאמן דבית מדרשינו המפואר בית שמואל בנימין שע"י קהל יטב לב.

דערנאך האט הגה"צ גאב"ד קהלתינו הק' משמיע געווען דברי תורה וברכה לכבוד המעמד.

דער הדרן איז פארגעזאגט געווארן דורך האברך החשוב מו"ה זאב מארקאוויטש הי"ו, איידעם פון

הרבני הנכבד הר"ר יחיאל קליין הי"ו מראשי קהלתינו הק' אין מאנטריאל, וועלכע האט מנדב געווען א חלק פונעם רייכן מעמד, און דערנאך איז געזאגט געווארן גאר ווארימע דיבורים פון הרה"ג דומ"ץ קהלתינו הק' שליט"א.

צום לעצט האט דער חשובע'ר יו"ר אויסגערופן דעם אורח הכבוד פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי עמרם כהן שליט"א מגי"ש ובעל דרשן נפלא אין קרית יואל יע"א, וועלכע האט גאר שטארק ארויסגעברענגט דעם תפקיד און באדייט פון א סאטמאר'ן חסיד.

פארן בענטשן האט דער יו"ר המעמד מיט פרייד מבשר געווען פארן חשוב'ן ציבור אנשי שלומינו, איבערן פרישן גרינדונג פונעם כולל בוקר בבית מדרשינו המפואר. דערנאך האט זיך דער ריזיג פארזאמלטער ציבור ארויסגעלאזט אין א געהויבענעם טאנץ ביז אין די שפעטע שעה'ן פון נאכט.

## ירושלים עיה"ק

לכבוד דעם גרויסען טאג פון כ"א כסליו האבן זיך די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק' פארגאנגענעם ליל שב"ק הערל"ט זיך צוזאמענגענומען צו די תפילות און סעודות אין בנין הישיבה אינאיינעם מיט די רמ"י הישיבה, ווי זיי האבן אויפגעטרעטן מיט דרשות פאר די בחורים בענינא דיומא.

בבית הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו שליט"א איז ליל שב"ק פאהרגעקומען א שבת אחים ווי עס האבן זיך באטייליגט אנשי שלומינו.

ביי די סעודות רעווא דרעווין האט אויפגעטרעטן פאר די בחורים מיט דברי תורה והתעוררות הרה"ג ר' שלום שניצלער שליט"א מרבני הקהילה.

שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז בבית מדרשינו ברך משה פאהרגעקומען א קידושא רבה לרגל היום ווי עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' דוב בער קליין שליט"א מרבני כולל למצוינים.

אום מוצאי שבת קודש זענען זיך אנשי שלומינו תושבי ירושלים עיה"ק צוזאמענגעקומען בבית מדרשינו זיך צו פרייען מיט'ן נס ההצלה פון מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל בשילוב מיט די שמחת התורה צום ענדיגן מסכת פסחים און אנהייבן מסכת מגילה אין די חבורה פון יסודי התורה.

מיט'ן סיום איז מכובד געווארן הרה"ג ר' יחזקאל שרגא בראך שליט"א מגיד שיעור בחבורת יסודי התורה אינערהאלב קהלתינו הק', וועלכער האט אויך געדינט אלס יו"ר המעמד.

מיט גרויס כבוד האט מען ענטפאנגען כ"ק ראב"ד ירושלים שליט"א וועלכער האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה לרגל המאורע. און נאך דרשה פונעם ראב"ד שליט"א איז דער גאנצע ציבור ארויס אין א געטאנץ לכבוד היום ולכבוד התורה ולומדי'

דערנאך האט כ"ק גאב"ד ירושלים משמיע געווען א דרשה לכבוד דעם מעמד הנכבד, און האט דאן דער נואם הכבוד הרה"ג ישראל יעקב לאנדא שליט"א רב קהילות החרדים אין באר שבע אויפגעטרעטן מיט זיין דרשה צום מעמד.

דוירכאויס דעם מעמד האט זיך אנגעזעהן די באטייליגונג פון אדמורי"ם ורבנים חשובים שליט"א פון די שטאט, וועלכער זענען זיך געקומען באטייליגן ביי דעם שיינעם מעמד.

דערנאך האט מוה"ר ר' ישכר יאקאב הי"ו מנהל מוסדותינו הק' אין ירושלים אויפגערופן דעם חשוב'ן גאסט הרבני הנגיד מוה"ר אשר זעליג לעוו הי"ו מהנהלת מוסדות יטב לב סניף אייראפע וועלכער האט אויפגעטרעטן מיט א אינהאלטסרייכער דרשה.

צום שלוס האט הגה"צ דומ"ץ ד'קהלתינו הק' שליט"א אויפגעטרעטן מיט'ן צענטראלע דרשה לכבוד'ן מעמד, און דאן איז האדמו"ר מ'סטראפקוב שליט"א מכובד געווארן מיט ברכת המזון, וועלכער איז נאכגעפאלגט געווארן מיט פרייליכע טענץ לכבוד דעם גרויסן טאג.

נעכטן - זונטאג איז אין תלמוד תורה פאהרגעקומען א גרויסע מסיבה פאר תלמידי הת"ת וועלכע זענען געקומען ספעציעל אנגעטוהן מיט בגדי שבת און דערביי האבן די חשובע מלמדים האבן אויפגעטרעטן פאר גאר באלערנדע מעשיות.

***-די באריכטן פון די אנדערע מקומות וועט אי"ה נאכפאלגן-***

## ניחום אבלים

ביי משפחת המנוח הרה"ח ר' זלמן ליכטמאן ז"ל ראה"ק זיצט מען שבעה ביז ערש"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אויף 5604 14'טע עוו. אין בארא פארק.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.